# אין אַ וואָלקן-וויגעלע

## מיכאל פֿעלזענבאַום

... און דער גײַסט פֿון גאָט האָט געשוועבט אויפֿן געזיכט פֿון די וואַסערן. — ספֿר בראשית, א׳ב

גאָט האָט געזאָגט צו די וואַסערן: ווערט צעטיילט אין צוויי העלפֿטן, איין העלפֿט זאָל זײַן אויבן און די אַנדערע העלפֿט זאָל זײַן אונטן. די וואַסערן האָבן ניט געפֿאָלגט און בײדע העלפֿטן זײַנען חוצפּהדיק אַרויף אין דער הייך. דעמאָלט האָט גאָט צו זיי געזאָגט: איך האָב דאָך געהייסן איין העלפֿט אַראָפּנידערן אונטן, פֿאַר וואָס זענט איר אַלע אַרויפֿגעשטיגן אין דער הייך? אָבער די וואַסערן האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט: מיר ווילן ניט אַראָפּגיין, און שוין. וואָס האָט גאָט, ברוך הוא, געטאָן? ער האָט אויסגעשטרעקט זײַן פֿינגער און צעריסן די וואַסערן אין צוויי העלפֿטן, איז איין העלפֿט ניט ווילנדיק אַראָפּגעפֿאַלן אונטן. גאָט האָט געוואָלט אין גאַנצן פֿאַרברענען די וואַסערן פֿון אונטן. האָבן זיי זיך געבעטן בײַ אים, אַז ער זאָל זיי לאָזן. און גאָט האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט וויסן זײַן, וואַסערן, איך לאָז אײַך איבער בלויז מיט דעם תּנאַי, אַז ווען מײַנע קינדער וועלן אַרויסגיין פֿון מצרים זאָלן זיי דורכגיין דורך אײַך צופֿוס, — אַז איך וועל הייסן, אַז איר זאָלט זײַן ים, זאָלט איר זײַן ים, און אויב איך וועל וועלן איר זאָלט זײַן יבשה, זאָלט איר זײַן יבשה. —מדרשים, בראשית רבה

בײַ אַלע טעג שטייט ״כּי טובֿ״ און בײַ דעם אַנדערן טאָג שטייט ניט ״כּי טובֿ״, דאָס איז ווײַל אין דעם דאָזיקן טאָג איז באַשאַפֿן געוואָרן דער גיהנום. עס זײַנען דאָ זיבן אָפּטיילונגען אין גיהנום — שבֿעה מדורי גיהנום. די ברייט און די לענג פֿון יעדער אָפּטיילונג איז אַ מהלך פֿון דרײַ הונדערט יאָר. דאַרף מען בכן איין און צוואַנציק הונדערט יאָר דורכצוגיין די לענג פֿון גאַנצן גיהנום. — מדרשים, בראשית רבה

ווייסטו פֿאַר וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן וואַסערן, טײַכן און קוואַלן? כּדי די שיינע שטערן-כּלות אין די ווײַסע וואָלקן-שאַלן זאָלן זיך שפּיגלען אין זיי, די אייגענע שיינקייט דערזען. וואָרעם ווי איז צו דער שיינקייט וואָס דערקענט נישט איר אייגענעם חן. — יעקבֿ פֿרידמאַן, די לעגענדע נח גרין, ח׳

Finita la amore
. . . וואָס קען מען טאָן?
מײַנס האָב איך אָפּגעווײנט.
איצט וויינט דער הימל.
די טראָפּנס רעגן קאַפּען
אויף די שטעכל-בלעטער
פֿון אונדזער טאַנעבוים
בײַ דער טעראַסע.
און אַלץ איז פּונקט ווי מיט אַ יאָר צוריק
נאָר שוין אַ ביסעלע פֿאַריתומט.
ס׳איז דען אַ נפֿקא-מינה
צי דאָס איז א מין פּאָסט-סקריפּטום-געוויין
צי פּשוט
דער הימל פּישט זיך אויס אויף אונדזערע געפֿילן.
גיי ווייס וואָס האָט אין זינען
דער נודנער פֿרילינגס-רעגן,
ווען דיר איז קלאָר —
Finita la amore
. . .

***

פֿאַרריגל נישט די טיר אויף אייביק
עס קען דאָך זײַן

אַז ס'וועט זיך אומקערן
אַ מאָל
דער טאָג פֿון שימחה

און די ליבע וועט טריפֿן
פֿון אונטערן דעם הימל-באַלדאַכין
אָבער ווהין?
גיי ווייס...
מע קען דען עפּעס וויסן פֿון פּאָרויס?...
איז בעסער —
פֿאַרריגל נישט די טיר
אויף אייביק.

***

דער וויַין
וואָס איז געשטאָרבן נאָך איידער
ער איז ריַיף געוואָרן
טויג נישט פֿאַר קיין ברכה
וויַיל ער איז טויט.
עס שטייט געשריבן דאָך,
אַז די תּורה געגליכן איז צום וויַין.
אַ קשיא אויף אַ מעשׂה...
צי קען דען זיַין אַזוינס, אַז אונדזער תּורה
זאָל ווערן
כ'בעט איבער איַיער כּבֿוד,
טויט?...

***

מיר וועלן מער נישט אָנצינדן
די ליכט
און וועלן מער נישט פֿרישטיקן
צוזאַמען
אויף דער טעראַסע
וועלן פֿייגלען מער נישט זינגען
ווי יענעם פֿרילינג
אין אַ שטילן רעגן.
די ליכט האָט אויסגעברענט,
קיין סימן נישט געבליבן,
דער וויַין איז ביטער ווי די גאַל
דער ברויט — פֿאַרשימלט.
אויף דער טעראַסע
שטייען צוויי בענקלעך, ווי פֿאַריתומט.
עס האָט דעם פֿרילינג דאָך
בכלל נאָך ניט גערעגנט.

***

די ליבע איז פֿאַרביַי.
נאָר ס'לעבן איז געבליבן לעבן...
און איך דערקען עס נישט, —
ס'גייט עפּעס אָנגעטאָן אין די פֿאַרוועלקטע בלעטער
פֿון אונדזער ליבע.

דאָס זעלבע פּנים און די זעלבע הענט
אָבער ס׳איז פֿרעמד
און קאַלט,
ניט פֿריילעך,
צוגעביסן,
אָבער דאָך לעבן
און ניט קיין
טויט

*

און
אונדזער ליבע איז געוואָרן גרויס בײַ זיך
ווי יענע בראשית-וואַסערן
פֿון יום-השני
וואָס האָבן זיך עקשנותדיק געשטעלט
קעגן גאָטס רצון.
דאַן האָט דער אייבערשטער צעריסן אונדזער ליבע
אויף צוויי פֿאַרוויינטע העלפֿטן —
מײַן ליבע איז געבליבן שוועבן אין די וואָלקנס,
און ווי פֿאַרחלומט
קוקט זי אַראָפּ פֿון אויבן
און האַלט אין איין זוכן דעם אינדזל רו.
דײַן ליבע האָט זיך אויסגעגאָסן
מיט קאַלטע טראָפּנס רעגן
און די ערד
האָט אײַנגעזאַפּט,
ווי קיין מאָל נישט געווען,
דאָס הימלישע געוויין
פֿון אַ צעריסענער נשמה,
דאַן האָט דער חוצפּהדיקער טורעמגלאָק גענומען
זיך צלמען און ציילן
די רעשטלעך פערל
פֿונעם מאָרגנטוי, —
דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן
פֿון אונדזער ליבע.

*